בס"ד

# תורת אביגדור

פרשת ויקה"פ




משיעורי ליל שישי של הגה"צ רבי אביגדור מיללער זצ"ל

## ווי אזוי מיר קענען דאס מערסטע אויסנוצן דעם שבת

**ויקהל משה את כל עדת בני ישראל ויאמר אליהם אלה הדברים אשר צוה ה' לעשות אותם: ששת ימים תעשה מלאכה וביום השביעי יהיה לכם קדש שבת שבתון לה'.**

**כאטש** די פרשה פון ויקהל איז געווען איבער דער ציווי השם צו זאגן פאר די אידישע קינדער זיי זאלן אויפבויען דעם 'משכן', טוט אבער דער פאקט אז דאס איז געווארן איבערגעגעבן בהקדם פון די מצוה פון 'שבת', אונז צו אנווייזן, אז מיר זאלן זיך דערפון אפלערנען אז דער 'שבת' איז די ערשטע און מערסט-וויכטיגע מצוה צו ווערן איינגעהאלטן.

אנדערש ווי די מצוה פון 'משכן' וואס איז באגרעניצט דוקא אויף א איינצעלנעם פלאץ, אין מחנה שכינה, איז די מצוה פון 'שבת' געגעבן געווארן פאר אידישע קינדער צו מקיים זיין אין יעדע איינציגע אידישע היים, אין אלע לענדער פון די וועלט. ווי ה' זאגט דאס קלאר ארויס אין פסוק 'בכל מושבותיכם'.

'ידיעת השם' וואס דאס איז אונזער ציל אויף דער וועלט, קען ווערן דערגרייכט דורך דעם שבת'דיגן היים ביי יעדן איינציגן איד, גרינגער, און אויף א העכערע בחינה, ווי מען קען צוקומען דערצו דורכן 'משכן'.

### דער באהאלטענער אוצר

**אין** די תורה שטייט אז הקב"ה האט געזאגט פאר משה רבינו, ער זאל גיין איבערגעבן פאר די אידישע קינדער (שמות י"ז כ"ט) '**ראו כי השם נתן לכם את השבת**' - 'ראו', זעה! אן אומגעווענליכע הקדמה צו א מצוה, וואס מיר טרעפן דאס נישט ביי קיין שום אנדערע מצוה. זעה אז השי"ת האט דיר געגעבן דעם שבת, דאס באדייט אז דו מוזט אריינקלערן אינעם שבת.

און וואס איז די ערשטע זאך אין וואס מיר דארפן זיך מתבונן זיין ? 'כי ה' נתן לכם את השבת', אז השי"ת האט דיר דא עפעס איבערגעגעבן. השי"ת האט דיר נישט נאר באפוילן צו טוהן דא עפעס - ער האט דיר דא עפעס איבערגעגעבן.

"איך געב דיר דעם שבת", זאגט השי"ת. און דאס איז א מערקבארע באצייכענונג אויף א מצוה וואס מיר וועלן נישט אנטרעפן ערגעץ אנדערש. די תורה זאגט נישט אז השי"ת האט אונז 'געגעבן' די קרבנות. עס שטייט נישט אז ער האט אונז 'געגעבן' דעם פסח, כשרות אדער ציצית. נאר 'שבת'. און די גמרא (שבת י.) ערקלערט אונז דער באדייט פון 'ונתן' ווי פאלגענד: '**אמר הקדוש ברוך הוא מתנה טובה יש לי בבית גנזי**', השי"ת זאגט אונז "איך האב א טייערע מתנה אין מיין שאץ קאמער" 'ושבת שמה' - "און ס'ווערט אנגערופן שבת". און השי"ת זאגט "אויב איך געב דיר א ספעציעלע מתנה פון מיין אוצר, דעמאלטס 'ראו', איך וויל דו זאלסט דערין אריינטראכטן, און פארשטיין דעם באדייט דערפון.

## א לעבן מיט מחשבה

**דער** פאדערונג פון מחשבה איז באמת אן התחייבות ביי אלע מצוות, יעדע זאך דארף געטוהן ווערן מיט חכמה און דעת. דיין עתיד אינעם עולם הבא איז בעיקר אנגעוואנדן אין דיינע געדאנקען, דיין אויפפירונג און אויף דיינע דיעות. דעריבער, יעדע מצוה וואס דו טוסט, און באמת יעדע מאמענט פון דיין לעבן דארף ווערן געפירט מיט מחשבה. א איד מוז לעבן מיט געדאנקען, מיט דעת, ווייל ער האט א קאריערע פון דערגרייכונג, א קאריערע וואס קיין שום אנדערע פאלק אין די וועלט איז נישט דערמיט געווארן אנפארטרויעט.

אבער, וויבאלד דער אויסדרוק 'ראו', זעה, באטראכט, ווערט ספעציעל דערמאנט ביי שבת, באדייט דאס אז דו זאלסט ספעציעל אויסנוצן דעם שבת'דיגן טאג צו אריינקלערן. מיר ווערן דא קלאר אויפגעפאדערט צו אריינקוקן אינעם שבת, צו דורכלערנען דעם שבת, מער ווי אלע אנדערע ענינים פון עבודת השם.

## דער נאר פארלירט

**דערפאר,** גייען מיר דא איניינעם אוועקגעבן אביסל צייט דורך צו לערנען דעם געוואלדיגן נושא פון שבת. אויב ווילן מיר מצליח זיין דארפן מיר וויסן וויאזוי ארויסצונעמען דאס מערסטע פון דעם מתנה.

אויב איינער געט דיר א טייערע אינסטרומענט, און דו לייגסט דאס אין די זייט און באנוצט זיך נישט דערמיט - וועסט דאס מעגליך שעצן, און מעגליך אז דו וועסט זיך זארגן דערויף, וועסט דאס נישט לאזן ווערן געשעדיגט, וועסט גוט אכטונג געבן אויף דעם - אבער אויב וועסטו זיך נישט באנוצן דערמיט, איז דאס א שטארקע פארלוסט! בלויז א נאר וועט נישט ארויסנעמען די באנוץ פון א מתנה וואס ער האט באקומען. קענסט אביסל זינגען דערוועגן, טרא-לא-לא טרא-לא-לא, מעגסט זאגן פארן שבת אפאר ספעציעלע ווערטער אינעם דאווענען, און אפילו עסן ספעציעלע עסן. און אודאי וועסטו זיין געווארנט אפצוהיטן דעם שבת פון עבירות. אבער דאס איז נאכאלץ נישט אויסגענוצט די מתנה, אויפן וועג וואס דער געבער פון די מתנה האט אינזין געהאט.

יעצט, דו דארפסט וויסן אז די געוואלדיגע מתנה פון שבת איז דיין לעבן. ס'איז א זיבעטל פון דיין לעבן! און דערפאר, זאגט השי"ת, 'ראו', זעה, זיי וויסן, אז 'ה' נתן לכם את השבת'. אויב ווילן מיר אינאיינעם דורך לערנען דעם נושא, און פארדינען דערפון דאס מערסטע וואס מיר קענען. דארפן מיר קודם פארשטיין ווי שטארק וויכטיג דער טייל פון אונזער לעבן איז, און ווי ווייט עס ליגט אויף אונז דאס אויסצונוצן. און אויף אזא וועג וועלן מיר פארדינען די געוואלדיגע באלוינונג וואס השי"ת האט אינזין געהאט, ווען ער האט אונז געגעבן די געוואלדיגע מתנה.

## ענדערן דיין לעבן

**איז** אזוי, די היינט-נאכט'יגע נושא איז ווי אזוי מיר קענען דאס מערסטע אויסנוצן דעם שבת. און זאלסט וויסן, אז ס'איז זייער א גרויסע נושא. מיר וועלן דורכלערנען פארשידענע מושגים [באגריפן] דערפון, און מיר וועלן דארפן פראקטיצירן געוויסע געדאנקען. אפילו דו וועסט נישט קענען אלעס פראקטיצירן אויף איינמאל, זאלסטו כאטש אנפאנגען צו פראקטיצירן די געדאנקען, און אויסנוצן דעם שבת. אמאל צוליב דער ציל, צומאל צוליב אן אנדערע ציל, און צוביסלעך וועט דער שבת ווערן אויסגענוצט דורך דיר. און דאס אויסנוצן שטענדיג דעם שבת, וועט דיר ברענגען א בענעפיט וואס וועט ענדערן דיין לעבן.

## די הימלישע געסט

**מיר** וועלן אנהייבן מיטן זיך צוגרייטן פאר מארגן ביינאכט. די גמרא אין מסכת שבת (קיט:) זאגט אז ווען א מענטש דאווענט און זאגט פרייטאג צו נאכטס '**ויכולו השמים והארץ וכל צבאם**', קומען צוויי מלאכים און לייגן זייערע הענט אויף זיין קאפ. דעריבער דעם קומענדיגן פרייטאג צו נאכטס מאך זיכער צו זיין אויפמערקזאם מיט וואס עס פאסירט צו דיר. דו וועסט זאגן 'ויכולו', און דו וועסט ווערן באזוכט דורך צוויי מלאכים. דו גייסט דאס זאגן צוויי מאל, ביי וועלכע פון די צוויי זיי קומען ווייס איך נישט. אבער דאס גייט פאסירן ביי איינע פון די צוויי, דעריבער גרייט זיך דערויף.

## יום כיפור איינמאל א וואך

**די** מלאכים וועלן ארויפלייגן זייערע הענט אויף דיין קאפ און זאגן '**וסר עוונך וחטאתך תכופר**' - דיינע זינד וועלן ווערן אוועקגענומען, און דיינע חטאים וועלן פארצייעט ווערן". איז דאס נישט א געוואלדיגע געלעגענהייט ?! דא קלערסטו אז ביז 'יום כיפור' דארפסטו נאךווארטן א האלבע יאר, און דערווייל קענסטו האבן א יום כיפור יעדע וואך פרייטאג צו נאכטס. ווען דו זאגסט 'ויכולו', וועלן צוויי מלאכים קומען צו דיר, זיכער צו מאכן אז דיינע זינד ווערן פארגעבן.

ווי טייער איז די דאזיגע פארבייגייענדע מאמענט, אז דאס איז גלייך צו די געוואלדיגע טאג 'יום כיפור' ! דו זאגסט 'ויכולו', און דו האלטס ביי 'תפילת נעילה' ! אבער די פראגע

איז, וואס טוט דא יום כיפור אום פרייטאג צו נאכטס? וואס איז פרייטאג צו נאכטס אזוי ספעציעל אז אונזערע זינד ווערן פארגעבן ?

אויב אזוי, דארפן מיר דורכטראכטן דעם געלעגנהייט. וויבאלד די גמרא זאגט נישט, אז ווי נאר ס'ווערט שבת, לייגן דעמאלטס די מלאכים ארויף זייערע הענט אויף דיין קאפ. ניין ! ס'איז בשעת ווען דו רופט אויס 'ויכולו' - דעמאלטס פאסירט דאס. און דאס באדייט עפעס.

## ויכולו- שטערקער ווי פאסטן

**וואס** איז דא אזוי וויכטיג מיטן זאגן דעם 'ויכולו', אז דאס איז גערעכנט ווי א קליינע יום כיפור ? יעצט לאמיר קומען צום פונקט. דער ענטפער איז, אז דאס איז די גרעסטע סארט תשובה וואס איז נאר דא. ס'איז נישט דא קיין גרעסערע חרטה געפילן ווי ביים זאגן 'ויכולו' ! אויב זאלסטו פאסטן 25 שעה, שטיין אין ביהמ"ד און דאווענען, און זיך פארנעמען מער נישט צו זינדיגן - מיטן גאנצן הארץ - איז דאס נאכאלץ נישט נאנט צו דיין ווערן אויסגעלייטערט דורך'ן זאגן 'ויכולו'.

## דער יסוד היסודות

**און** דאס איז צוליב'ן זיך צוריקערן צום 'יסוד היסודות', דער פונדאמענט אויף וואס אלעס איז געווארן אראפגעשטעלט. 'ויכולו השמים והארץ וכל צבאם', אז די וועלט איז געווארן באשאפן פון גארנישט. בעפאר בראשית האט גארנישט עקזיסטירט. גארנישט האט נישט עקזיסטירט. אויסער דער רוח אלקים, וואס האט פארנומען די ספערן - איך וויל נישט זאגן ספערן ווייל דאס האט אויך נאכנישט עקזיסטירט. און דערנאך, ווען ס'איז געווען דער ווילן פון הקב"ה זענען די הימלישע-ספערן באשאפן געווארן. דערנאך איז דער רצון השם געווען אז די וועלט זאל ווערן אנגעפילט מיט הימלישע באשעפענישן. און דערנאך אז ס'זאל זיין איין פלאנעט וואס זאל אנטהאלטן דער אטמאספערע, ס'זאל האבן היידרא-ספער - ס'זאל אנטהאלטן וואסער. ס'זאל אנטהאלטן ערד. און ס'זאל אנטהאלטן לעבעדיגע זאכן. ס'איז נישט דא נאך א פלאנעט, קיין שום זאך אין די ספערן וואס זאל אנטהאלטן די זעלבע. און ס'איז געווען דער רצון השם אז אלעס זאל באשאפן ווערן, אריינגערעכנט די מענטשהייט.

'בדבר השם שמים נעשו' - "דורך השם'ס ווארט זענען די הימלען באשאפן געווארן", 'וברוח פיו כל צבאם' - "און דורכן גייסט פון זיין מויל אלע זייערע הערשאפטן" (תהלים ל"ג ו'). און מיר זאגן דאס יעדן אינדערפרי 'ברוך שאמר והיה העולם' - "געלויבט איז דער וואס האט געזאגט, און די וועלט איז באשאפן געווארן". איז דען דאס נישט א ווייטאג ? יעדן צופרי האבן מיר די מעגליכקייט איבערצוגיין דעם געוואלדיגן לערע, אבער מיר שלאפן ביים דזשאב. און אפילו אויב דו קענסט די פירוש המילות - דו פארשטייסט דעם באדייט פון די ווערטער - אבער דו טוסט נישט פארטיפן דערין דיין דעת. 'ברוך שאמר' - ער האט געזאגט ! 'והיה העולם' - און דו וועלט איז געווארן באשאפן!

דאס איז א מבהיל'דיגע סטעיטמענט וואס האט נישט זיינס גלייכן. ווען קיינמאל הערן א מער רעוואלוציאנערע סטעיטמענט ווי דאס! קענסט פראדוצירן וואלקן-קראצערס פון שטויב - ס'איז מעגליך. אויב נעמסטו שטויב און מישט דאס אויס מיט קעמיקלס, קענסטו אויף א געוויסע וועג דאס צוזאמענשטעלן אז ס'זאל ווערן ציגל און בוי-שטיינער. קענסט כמעט אלעס ערצייגן דורך סיי וועלכע סארט געגנשטאנד, אבער קיינמאל מער ווערט נישט זיין א נייע באשאפונג פון א גארנישט. דאס איז א וואונדערליכע געדאנק, און מיר מוזן אריינארבעטן אונזער גאנצער לעבן אז מיר זאלן קענען אביסל שטייגן דערפון.

## דער זייער ערליכער קוה

**צום** ענדע פון די זעקס טעג, 'ויכולו השמים והארץ וכל צבאם', האט זיך אלעס געפארטיגט. דאס באשאפן פון גארנישט אויף עפעס איז געקומען צו אן ענדע, און די וועלט האט אנגעפאנגען צו לויפן ווי א גוטע אויל-באשמירטע מאשין. און דער דאזיגער סטעיטמענט, אויב דאס ווערט איינגעקריצט אינעם מח נאכאמאל און נאכאמאל, איז דאס א לעבנ'ס-טויש. און דערפאר קומען ערשט דעמאלטס די מלאכים. די מלאכים קומען צו דיר אהיים, צו דיין פערזענליכע יום כיפור, צוליב דיין זאגן די ווערטער פון 'ויכולו'. און דער געדאנק פון 'יש מאין' איז אזוי וויכטיג צו פארשטיין, אז אויב פעלט דיר דאס, איז א שאד דיין צייט וואס דו טוסט תשובה. געב א קוק, איך זאג א שאד די צייט - ס'איז זיכער בעסער תשובה צו טוהן. ס'איז בעסער צו תשובה טוהן און זיין ערליך אבער א פראסטער. ס'איז בעסער צו זיין א ערליכער קוה ווי איידער א נארישער קוה. אבער דו ביסט נאכאלץ א קוה !

דו ביסט בכלל נישט עפעס כדאי, ווילאנג דו נעמסט נישט אריין אין דיין קאפ, דער פונדאמענטאלער געדאנק וואס מערסטנס מענטשן - אפילו מערערע ערליכע אידן - טראכטן נישט אריין אין דעם. און דאס באדייט אז זיי האבן זיך נאכנישט געגומען צו דעם ערשטן שטאפל פון א הצלחה'דיגער לעבן. די געוואלדיגע פרינציפ פון 'בריאת העולם יש מאין'. אז די וועלט איז באשאפן געווארן 'יש מאין'. א עפעס פון גארנישט.

און דו דארפסט צו וויסן, אז די לעקציע פון 'בריאה יש מאין' איז נאך פיל טיפער פון דעם. וויבאלד באמת, איז דאס קיינמאל נישט געפארטיגט געווארן. עס שטייט 'עושה שמים וארץ את הים ואת כל אשר בם' און גלייך דערנאך שטייט 'השומר אמת לעולם'. וואס איז דער שייכות צווישן די צוויי פסוקים ? ער באשאפט די הימל און ערד, און האלט שטענדיג זיין אמת? וואס איז דער משמעות דערין ? וואס האט איינס מיטן אנדערן ?

## השי"ת דער גרויסער בויער

**דער** ענטפער איז, אזביידע זענען גלייך. ער באשאפט די הימלען און די ערד. אבער נישט נאר דאס, נאר ער וויל אז זיי זאלן ווייטער אנגיין מיט זייער עקזיסטענץ. נישט ווי א קארפענטער וואס מאכט א באנק, און דערנאך גייט ער זיך אוועק, און דער באנק בלייבט שטיין. ניין ! די וועלט זעצט פאר צו עקזיסטירן נאר צוליב דעם רצון פון הקב"ה אז דאס זאל ווייטער עקזיסטירן. יעדע

סעקונדע, טוט ער דאס אלעס נאכמאל באשאפן. יעדע רגע, טוט ער האלטן זיין ווארט. ער האלט אן זיין ווארט. ׳השומר אמת׳ - ער האלט דאס אן. ער נעמט דאס נישט צוריק. קומט אויס אז נישט נאר ער האט באשאפן די וועלט פון א גארנישט. נאר ער האלט דאס ווייטער אן, מיט אלעס אין איר. השי״ת איז גרייט צו ארייינברענגען אלעס אין איר עקזיסטענץ, ממש יעצט אויף דער רגע.

## השם יתברך׳ס רצון

**ס׳איז** נישט דא גארנישט אין דער וועלט חוץ פון דער ׳דבר השם׳. וואו דו זאלסט קוקן, וואו דו זעהסט נאר עפעס, איז דאס ׳מלא כל הארץ כבודו׳. ס׳עקזיסטירט נישט אין דער וועלט גארנישט חוץ פון הקב״ה, דער ׳בורא עולם׳. ער איז איבעראל און ס׳איז גארנישט דא חוץ זיין רצון.

דער בענקל אויף וואס דו זיצט, איז נישט מער ווי רצון ה׳. ס׳איז נישט דא קיין האלץ, און נישט קיין שטיין, און אויך נישט קיין מעטאל. ס׳איז נישט מער ווי פארשידענע פארמען פונעם ׳רצון השם׳. די זון, אלע שטערן, אלעס איז נישט מער ווי פאקטישע פארמען פונעם ׳רצון השם׳. און דאס איז וואס דער ׳שבת׳ זאגט אונז. אלעס איז רצון ה׳! דער עפל וואס דו עסט, דער בענקל אויף וואס דו זיצט, דער ווינטל וואס בלאזט דיר אין פנים, ס׳איז אלעס דער ׳דבר השם׳. ס׳איז אלעס וואס דער בורא האט געטוהן פארשטעלן. ס׳איז גארנישט דא אויסער דבר ה׳. אלעס וואס מיר זעהן איז נאר זיין רצון. ס׳איז נישט קיין ספק ! און דאס זאל זיין דיין ערשטער לימוד וואס שבת לערנט דיר. אז וואו דו קוקסט נאר, ווערסטו דערמאנט פון השי״ת.

איז דאס נישט קיין ווייטאג אז אזוי פיל מענטשן וואס זענען שומרי שבת טראכטן ניטאמאל אריין אין דעם. ס׳איז דער נומער איינס פאדערונג פונעם שבת, אבער זיי גייען דורך שבת נאך שבת, און גארנישט ! קיין קלער בכלל. זיי האלטן אלעס. אבער דערגרייכן נישט צו גארנישט.

דערפאר לאמיר זיך ארייננעמען אין געדאנק, פון יעצט און ווייטער, יעדן שבת, ווי ווייט מעגליך, אז ה׳ וויל מיר זאלן לערנען פון ׳מציאות ה׳ בעולם׳, איבער זיין גרויסקייט, איבער דער פאקט אז ער איז דער איינציגער וואס עקזיסטירט בעפאר אלעס אנדערש. וואו דו קוקסט נאר אין די וועלט, איז דאס נישט מער ווי דער רצון ה׳, אין וועלכע הקב״ה האט געוואלט ס׳זאל עקזיסטירן. און דאס עקזיסטירט ווייטער יעדע רגע, נאר דערפאר ווייל דאס איז זיין ווילן, אויב וואלט הקב״ה דאס מער נישט געוואלט, וואלט דאס מער נישט עקזיסטירט. אלעס פון די מאטעריאלן זענען זיין רצון. די איינציגסטע פעסטע זאך וואס עקזיסטירט באמת, און וועט עקזיסטירן אויף שטענדיג איז הקב״ה אליין. אלעס אנדערש וואס דו טרעפסט וואו דו גייסט נאר, צו אין שוהל, צו אהיים פון שוהל, אלעס וואס דו זעהסט אויפן שבת טיש, איז דאס נאר כביכול אזוי צו רעדן פון זיין מחשבה. ער האט דאס אלעס באשאפן דורך זיין ווילן, און דאס איז די סיבה פארוואס

מיר זעהן דאס - אבער אין פאקט איז דאס נישט מער ווי רצון השם אין אלע פארעמס פון מאטעריאלן וואס דער וועלט פארמאגט.

## דער לויפער ווערט בלינד

**יעצט** קענען מיר שוין פארשטיין די באקאנטע גמרא אין ברכות (מג:) ווי חז"ל זאגן אונז אז '**פסיעה גסה נוטלת אחד מחמש מאות ממאור עיניו של אדם**' - "ווען איינער שפרייזט גרויסע טריט, פארלירט ער א 500'סטל פון זיין זעה-קראפט", די גמרא רעדט דא נישט פון איינעם וואס לויפט. ניין, נישט פון דעם רעדן דא חז"ל. מען רעדט דא פון איינעם וואס נעמט גרויסע טריט ווייל ער איז נערוועז און אנגעצויגן. ווען א מענטש איז נערוועז, לויפט אהער און אהין, ער דארף צו ענדיגן דאס, אדער אנקומען צו יענץ, דעמאלטס ווערט זיין זעה-קראפט געשעדיגט. ער יאגט זיך און איז באזארגט, ווייל ער פילט ווי ער איז דא דער גאנצער מאכער, ער איז דער וואס מאכט אז זאכן זאלן פאסירן. און אזא אנגעצויגנקייט איז שעדליך פאר די אויגן. אן אויג-ספעציאליסט וועט דיר זאגן אז איבעראשונגען טוהן אפט אפעקטירן די אויגן. דוד המלך זאגט '**עששה מכעס עיני**' - "מיינע אויגן זענען געווארן געשעדיגט צוליב זיך אויפרעגן" (תהלים ו' ח'). ממילא זאלסטו זיין געווארנט פון כעס, שטיי אוועק פון אנגעצויגנקייט, עס קען שעדיגן דיינע אויגן. איך קען א מענטש וואס איז געווארן בלינד, אין רעזולטאט פון כעס. געפילן, זארג, און נערוועזיטעט קען אפעקטירן די פונקציעס פון דיינע אויגן. די האסטיגע פיס-טריט פון פסיעה גסה, דאס אנגעצויגנקייט וואס פלאגט אונז די גאנצע וואך, נעמט אוועק א 500'סטל פון א מענטשן'ס זעה-קראפט.

## דער בארוהיגונג'ס מיטל דורך קידוש

**פרעגט** די גמרא 'מאי תקנתיה' - "וואס איז די היילונג"? וועלכע היילונג וועט צוריק ברענגען א מענטשן'ס זעה-קראפט. און די ענטפער איז 'להדריה בקדושא דבי שמשי' - "ער קען דאס צוריקבאקומען דורך קידוש פרייטאג צונאכט". יעצט, ס'איז דא וואס לערנען נישט ריכטיג פשט אין דעם ענטפער, דערפאר הער מיר יעצט אויס. וויאזוי קען דאס געשען ? ווי אזוי היילט קידוש אויס דיין זעה-קראפט ?

במשך די גאנצע וואך, פארלירסטו דיין בליק אויף די געוואלדיגע אמת'דיגע יסודות. די פארלירסט דיין גייסטישע זעה-קראפט במשך די וואך. דאס איז וואס עוסק זיין אין גשמיות טוט צו דיר. אפילו כשר'ע גשמיות האט אן עפעקט אויף דיר. ווערסט מער מגושם, דו קלערסט אז אלעס איז אנגעוואנדן אין דיר - צו מאכן פרנסה, צו דערגרייכן דאס אדער יענץ - דו טראכסט אז דיין אנשטרענגונג וועט דיר קרוינען מיט סוקסעס. און אזוי לויפסטו און טוסט - נעמסט גרויסע טריט לויפנדיג אהער, און אנדערע גרויסע שריט לויפנדיג אהין. ביסט אנגעצויגן, אונטער פרעשור און ביסט באזארגט. און דאס אלעס איז שלעכט פאר דיינע אויגן - דיינע פיזישע אויגן, און גענוי אזוי פאר דיינע אויגן פון דעת. דיין גייסטישע זעה-קראפט.

ס'איז פרייטאג צו נאכטס. דו שטייסט, געקליידעט אין דיינע בגדי שבת, האלטנדיג די ווייַן אין דיין האנט, און אלעס איז אונטער דיר. דו רופסט אויס 'ויכולו השמים והארץ', אלעס איז געטוהן געווארן דורך השי"ת. און ער איז נאך אלץ פאראנטווארטליך, אנפירנדיג אלע אונזער געברויכן. גאר א נייע פערספעקטיוו וואס וואשט אויס אונזערע געדאנקען - השי"ת איז אלעס ! ער איז פאראנטווארטליך! דערפאר קענסטו זיך אראפזעצן און פארברענגען. ס'איז געווען ארויסגעווארפן די אלע זארגן, געפילן און אנגעצויגנקייט. שבת איז די געוואלדיגע טרייסט אינעם לעבן. השי"ת זאגט "זארג נישט, איך פיר אלעס. דו טוה ווייטער וואס דו דארפסט צו טוהן, אבער לאז אלעס אויף מיר. איך וועל מיך זארגן אנשטאט דיר". דאס איז וואס שבת לערנט אונז, און אזוי ווערט די זעה-קראפט געהיילט.

וויאזוי ס'איז נאר, ווען מיר זאגן 'ויכולו השמים ואת הארץ', דארפן מיר זיך אליין פרעגן, "וואס לערנט זיך דער מענטש דא, וואס ער האט נאכנישט געוואוסט ביז יעצט". דער איז א איד וואס זאגט שוין יארן לאנג 'ויכולו' יעדן פרייטאג צו נאכטס. וועלכע נייע אינפארמאציע האט ער פארדינט מיטן זיך אויפשטעלן און דאס נאכאמאל זאגן ? וועלכע טויש האט דאס געמאכט אויף אים, אז ער פארדינט זיך אז ער זאל באקומען דעם ספעציעלן וויזיט פון די מלאכים ?

## וואס טוט מען נישט פאר ?$100,000

**לאז** מיר דיר געבן א קליינע משל. לאמיר זאגן אז ס'איז דא א "קעפסל" פון "רעדיום", ריינע "רעדיום" וואס איז ווערד, לאמיר זאגן א הונדערט טויזענט דאלער. און אין האספיטאל איז דאס פארלוירן געגאנגען. א נויס וואס באהאנדלט די "רעדיום" מאשין, האט דאס אראפגעלייגט פאר א מינוט אויפן טיש, און ווען זי האט זיך דערמאנט דערפון איז דאס שוין נישט געווען צו געפינען.

וואס האבן זיי געטוהן ? מען האט אלארמירט אלע נורסערס. וואס האט פאסירט מיט די "רעדיום קעפסל" !? ס'איז ווערד 100,000.00$ ! דערנאך האט מען גערופן אלע רייניגער, און זיי האבן געזאגט אז מעגליך איז דאס אריינגעפאלן אין גארבידזש. האבן זיי דורכגענישטערט יעדע איינציגע גארבידזש-קען באזונדער.

דערנאך האט זיך איינער אנגערופן אז ס'קען זיין אז מען האט שוין אראפגעטראגן א גארבידזש-בעג אין בעיסמענט, און דאס שוין געדאמפט אין די גרויסע גארבידזש קאנטעינער. איז יעדער אראפגעלאפן און מען האט אנגעהויבן צו דורכזוכן די גארבידזש. אבער דעמאלטס האט זיך אנגערופן איינער פון די רייניגער אז די גארבידזש-טראק איז שוין דא געווען און פילע גארבידזש איז שוין געווארן אוועקגעטראגן צום דאמפ-יארד.

זענען זיי אריינגעטאנצן אין זייערע קארס און געפלויגן צום דאמפ-יארד - דרך אגב, ס'איז א אמת'ע פאסירונג - און מען האט צוטיילט די גארבידזש און דאס גוט דורך

גענישטערט. ביז מען האט דאס ענדליך געטראפן. און אלעס איז געווען ווערד, די גאנצע טראבל און די גאנצע עקספענס. ווייל ווען עפעס איז טייער, וועט אפילו א קלייניגקייט דערפון זיין מורא'דיג ווערדפול.

יעצט קומען מיר צו, צו די טייערע בריליאנט פון 'בריאת העולם יש מאין' - ווי טייער איז דאס, צו פארשטיין דעם יסוד אז ס'איז נישטא אין די וועלט גארנישט אויסער דער 'דבר השם'. און ס'איז נישטא קיין בעסערס דערפון פאר א איד. ס'איז נישטא קיין בעסערע 'דעת' ווי דאס.

## שוין געזאגט טויזנטער מאל

**נישט** נאר אויב מען האט דאס קיינמאל געוואוסט - און אויב האט ער דאס געוואוסט האט ער נישט געטראכט דערפון - אזוי ווי פילע פון ענק דא, בין איך זיכער, האבן קיינמאל בעפאר נישט אריינגעטראכט אין דעם. יעצט פארמאגסטו דאס אין דיין באזיץ, און דו וועסט אהיימגיין פון דא א מיליאנער. מערערע פון ענק האבן דאס נישט פארשטאנען, און נישט געווען אויפמערקזאם דערויף, און יעצט גייסטו אוועק פון דא מיט די ידיעה, אז דו ביסט נאר דער 'דבר השם'. דיין גאס, דיין היים, דיין בן-זוג אלץ איז נאר דמיון. און אז אלעס אין די וועלט איז נאר דער דבר ה' וואס איז געווארן א 'יש', נאר ווייל ער האט זיך דאס אזוי פארגעשטעלט. ער האט זיך פארגעשטעלט די גאס, די הימל, די זון. אלעס איז נאר וואס השי"ת האט זיך פארגעשטעלט, אבער אין מהות עקזיסטירט נישט גארנישט.

אויב האסטו פארדינט די אויפמערקזאמקייט היינט נאכט, דעמאלטס ביזטו געווארן רייך! און דאס איז א 'יום כיפור', מלאכים לייגן דיינע הענט אויף דיין קאפ און זאגן וסר עוונך וחטאתך תכופר.

שטעלט דיר פאר, א מענטש זאגט דאס שוין יארן, און נישט נאר געזאגט, ער האט אריינגעטראכט וואס דאס באדייט. דאך, ווען ער זאגט דאס איבער נאך איין מאל, פארדינט ער נאך א קליין ביסל פון אויפמערקזאמקייט. ביים דאס איבער'חזר'ן ווערט דאס ביי אים קלארער. ממילא כאטש ער זאגט דאס שוין טויזענטער מאל, ווען ער זאגט דאס נאך איין מאל, ווערט דאס מער און מער געשטאקט אין זיין געדאנק. און דער קלייניגקייט איז ווי די "קעפסל" פון "רעדיום". ס'איז אזוי טייער אז אלעס איז ווערד. ווייל דאס איז א געוואלדיגער יסוד, און יעדעס ביסל דערפון איז אזוי ווערדפול.

## דימאנטן שטויב

**מען** האט מיר אמאל געזאגט אז אין א דיימאנט געשעפט, וועט סוף טאג דער רייכער דיימאנט-סוחר זיך אראפקניען אויף די ערד און מיט א בעזעם אויפקערן די שטויב פון אונטער די טישן. האט אמאל א באזוכער אים געפרעגט, "וואס איז דאס? דו, אונטערן טיש מיט א בעזעם ?!" האט ער געענטפערט, "די שטויב איז דימאנטן-שטויב. און ס'איז מיר ווערט מיין גאנצע ענערגיע צו זיצן אויף

מיינע קניען און דאס צוזאם-נעמען״.

**אן היידראדזשין-באמבע אין דיין קאפ**

**געניי** די זעלבע איז, ווען א מענטש רופט אויס 'ויכולו השמים והארץ' האט ער אריינגענומען אין זיין געדאנק נישט עפעס א קלייניגקייט פון וויכטיגע אינפארמאציע, נאר ער האט במציאות אריינגעלייגט אן היידראדזשין-באמבע אין זיין קאפ. די רעזולטאטן פון דער געדאנק קען מען גארנישט אויסרעכענען. ווען א מענטש רופט אויס אז השי״ת האט באשאפן די וועלט פון גארנישט, זאגט ער במציאות אז ס'איז גארנישט דא אין די וועלט אויסער הקב״ה.

דערפאר, איז אונזער צייט ווערד-פול, אפילו נאר איין שבת, דאס צו זאגן נאך איינמאל. ס'איז אזא געוואלדיגע צייט, דאס ביסל עקסטערע דעת וואס מיר פארדינען, אז מיר זענען דערפאר בארעכטיגט אז מלאכים זאלן קומען זיך באטייליגן מיט אונז.

**עדות פאר דיר אליין**

**יעצט** געדענק גוט די דאזיגע געדאנקען, אום פרייטאג צו נאכטס ווען דו שטעלסט זיך אויף צו קידוש, אדער ביי שמונה עשרה. דו שטייסט נישט נאר צוליב דער דין, א טעכנישע הלכה. דו שטעלסט דיר אהער אלץ עדות, און הקב״ה ווארט דערויף. און וואס זאגסטו עדות ? דו דערקלערסט צו דיר אליין - פארגעס יעצט פון די וועלט, דו דארפסט צום ערשט עדות זאגן צו דיר אליין - אז השי״ת האט באשאפן די וועלט, פון גארנישט. דאס איז דאס ערשטע זאך וואס דו דארפסט אריינטראכטן. ס'איז גארנישט געווען בעפאר. נישט קיינע עלעמענטן, נישט קיין ספעיס, נישט קיין צייט, גארנישט. און דערנאך האט דאס השי״ת'ס זיך פארשטעלן אריינגעברענגט אלעס צו איר עקזיסטענץ.

און די צווייטע זאך, דו קומענדיגע יסוד וואס קומט גלייך דערנאך, און אז אפילו יעצט, אלעס וואס עקזיסטירט איז נאר דא צוליב דער 'דבר השם'. דו ווערסט רעדן צו דיר אליין, און דערקלערן די יסוד היסודות, די גרעסטע פונדאמענטאלע יסוד פון די תורה, אז 'השם אלקים אמת' ! ס'איז נאר דא איין זאך אין די וועלט וואס איז אמת, און דאס איז 'השם אלקי ישראל'. און אויסער אים, איז גארנישט חוץ א פארשטעלונג. זיין פארשטעלונג, אבער ס'איז גארנישט חוץ א פארשטעלונג. א עכטע עקזיסטענץ איז נאר הקב״ה.

**דער ציל פון השי״ת**

**איך** מוז דא ארויס ברענגען א פראגע וואס דארף אונז קימערן. פארוואס רעדן מיר פונעם ענדע פונעם וועלט-באשאף און נישט פון דעם אנפאנג? מיר דארפן ווען זיך אויפשטעלן פרייטאג צו נאכטס און אויסרופן פאר אונז און אונזער משפחה 'בראשית ברא אלוקים את השמים ואת הארץ' - און אנהייב איז גארנישט געווען. גארנישט ! נישט קיין ספעיס, קיין צייט, נישט קיין עלעמענטן, גארנישט. און דערנאך האט השי״ת געזאגט 'ויהי'. און מיט דעם ווארט, איז די וועלט

געווארן אריינגעברענגט אין איר עקזיסטענץ. דאס איז וואס מיר וואלטן געדארפט זאגן ביי שמונה עשרה און קידוש, און במשך דעם שבת.

אויב אזוי פארוואס רעדן מיר איבער 'ויכולו', דער סוף פונעם וועלט-באשאף, אנשטאט רעדן פונעם עיקר נושא פונעם טאג, דער וועלט-באשאף ? און דער ענטפער דערויף איז ווי פאלגענד: מיר באוואונדערן נישט הקב"ה ווייל ער קען מאכן "טריקס", ווייל ער קען באשאפן עפעס פון גארנישט. זיכער איז דא באצייכנס-ווערד, און עס וועט קיינמאל אין היסטאריע מער נישט ווערן איבערגע'חזר'ט. אבער ס'איז דא א ספעציפישע אספעקט איבער 'יש מאין', ווי שבת קומט אריין צו פייערן, צו ארויסהייבן. און דאס איז, אז די וועלט איז געווארן באשאפן צוליב גוטסקייט. ווי מיר זאגן אין די געזאנג פון דוד המלך איבער שבת: 'כי שמחתני ה' בפעליך' - "ווייל דו ה' האסט מיר געטוהן דערפרייען מיט דיינע פעולות". (תהלים צ"ב ה'). נישט נאר דאס אז דו האסט מיר באוויזן דיינע פעולות, נאר 'כי שמחתני' - דו האסט מיר געטוהן דערפרייען מיט דיינע פעולות. עס איז געווען צוליב קענען שענקען פריווילעגיעס, גוטמוטיגקייט, דאס איז פארוואס השי"ת האט געמאכט דעם "טריק". ס'איז נישט נאר ווייל השי"ת האט די מעגליכקייט אלץ 'כל יכול', זיך פארשטעלן און דאס אריינברענגען אין עקזיסטענץ. ניין, ס'איז ווייל ער האט באשאפן די עפל זאל אריינקומען אין עקזיסטענץ ! און ער האט אריינגעברענגט די מענטשן אין עקזיסטענץ, מיט ציינער און געדערים, אז מען זאל קענען עסן די עפל ! איך דערמאן עפל, אבער ס'איז אלעס. הקב"ה האט באשאפן די ברויט, אראנדזשעס, זון-שטראלן, וואסער, מילך, און פאטעיטאס. און צוויבל ! וויאזוי וואלט די וועלט אויסגעזען אן צוויבל?! ס'איז א וועלט פון ענדלאזע חסד!

דערפאר דערמאנען מיר נישט נאר 'יש מאין' אום שבת. זיכער רעדן מיר דערפון, מיר דערמאנען אום שבת 'מעשה בראשית' ווען נאר מעגליך. אבער די סיבה פון דאס אלעס איז צו איינזעהן די 'חסד השם'. דאס איז וואס מיר זאגן ביי שמונה עשרה ביי קבלת שבת 'אתה קדשת את יום השביעי לשמך, תכלית מעשה שמים וארץ' - "דו ה' האסט געהייליגט דעם שבת פאר דיין נאמען וועגן, דאס איז דער ענד-ציהל פונעם גאנצן וועלט-באשאף". אלעס איז צוליב דעם פארטיגן פראדוקט, צוליב דער 'ויכולו'. ס'איז דער יום השביעי וועלכער איז דער תכלית פון די בריאה, ווייל דער שבת טוט פארטרעטן דעם סך הכל פונעם גאנצן וועלט-באשאף, די פארפולקאמטע ערצייגונג פונעם חסד השם.

## עסן די עפל אן ציינער

**דאס** איז דער סיבה פארוואס מיר רופן אויס 'ויכולו השמים והארץ' אנשטאט 'בראשית ברא אלוקים את השמים ואת הארץ', ווייל דאס איז וואס מיר שמועס'ן ווען מיר רעדן פון שבת - דער חסד פון די בריאה. עולם חסד יבנה ! אויב זאלסטו ווען זעהן אן ענערגיע-שאס אינעם אטמאספערע, אפילו אויב דו זאלסט ווען זעהן די ערצייגונג פונעם ערשטן ענערגיע שאס פון גארנישט,

וואלט דאס געווען גענוג מערקווירדיג. וואלסט קיינמאל נישט פארגעסן אזא סצענע! אבער נישט קיין נפק"מ ווי מערקווירדיג דאס איז, אויב וואלט נישט געווען קיין עפל צו עסן, און קיין ציינער מיט וואס דאס צו קייען, וואלסטו נישט געווען גענוג דאנקבאר אויף די חסד ה'. די וועלט איז באשאפן געווארן צוליב גוטמוטיגקייט, און די פרייליכקייט פון די בריאה וואלט נישט געווארן אנערקענט ביז מיר וואלטן געזען א פארטיגע פראדוקט. ויכולו השמים והארץ - "ס'איז געווארן פארטיג!", ס'איז געווען פערפעקט!

## ווערים און מורישקעס אקערן די ערד

**ווען** מיר זאגן 'ויכולו', דארפן מיר אויסנוצן די געלעגנהייט צו טראכטן איבער די וואונדערליכע וועלט, וואס פונקציאנירט ווי א גוטע אויל-באשמירטע מאשין, און אלע חלקים ארבעטן מיט. דער 'דבר השם' האט אלעס אריינגעברענגט צו איר עקזיסטענץ, אבער ערשט פרייטאג צו נאכטס איז דאס געווארן אוועקגעשטעלט און געווארן 'לעשות', אלעס האט אנגעפאנגען צו פונקציאנירן. און יעצט פארשטייען מיר ווי אלעס פאסט אריין, און ווי יעדע זאך ארבעט אינאיינעם - אלעס פעלט זיך אויס צו אלעס - כדי צו מאכן א פארטיגע בילד פון א פריילעכע בריאה. ס'איז געווארן געענדיגט, פארפולקאמט, און אלע חלקים האבן אינאיינעם אנגעפאנגען צו ארבעטן אין א פולקאמע הארמאניע. די זון אינאיינעם מיט די ערד, און די ערד אינאיינעם מיט די ווערים און מורישקעס - אויב וואלט איינס פון זיי געפעלט, וואלסטו נישט געהאט קיין פרוכט. נישט קיין שבת'דיגע מאכלים. דארפסט דאנקען השי"ת פאר די ווערים און די מורישקעס וואס אקערן אויס די ערד, צוליב דיין הנאה.

דער ווינט ארבעט אינאיינעם מיט די קערנדלעך, און דער רעגן מיט די קארבאן-דיאקסייד אין די אטמאספערע. די קראפט פון גראוויטי ארבעט מיט די זון. די זון ברענגט ארויף די וואסער פון די אושען'ס, אויסלייטערנדיג די וואסער אינעם פראצעדור, דערנאך נעמט דער ווינט איבער, און פירט די רעגן-וואלקענס איבער די פילע לענדער און קאנטינענטן, און דערנאך טוט דער קראפט פון גראוויטי אראפברענגען דאס רעגן צו באוואסערן די ערד צו קענען פראדוצירן די עסנווארג וואס דו עסט. די גאנצע באשאף איז נאר געגרינדעט געווארן דיר צו ברענגען הנאה. אלעס פונקציאנירט אינאיינעם פאר דיין הנאה. עולם חסד יבנה - א וועלט פון חסד !

## דער סך הכל

**ממילא** יעצט ווייסטו שוין וואס מיר פייערן אינעם שבת. ס'איז די חסד פון די בריאה. און אויף וועלכער וועג איז די בעסטע צו פייערן השי"ת'ס חסד ? דורכן הנאה האבן פון זיין בריאה. און דעריבער דער סך הכל פון 'בריאה יש מאין', די געוואלדיגע פייערונג פונעם 'עולם חסד יבנה', קומט פאר ביים שבת טיש אין דיין היים. און דאס ברענגט אונז צום ענין פון 'עונג שבת'.

שבת טוהן מיר דאס בעסטע מעגליך, צו טוהן ענינים וואס וועלן אויף אונז משפיע זיין די געוואלדיגע לערע פון 'עונג שבת'. 'וקראת לשבת עונג' - דו מוזט פראקלאמירן פרייד און הנאה אינעם שבת! וויבאלד מיר טוהן וואס נאר מעגליך צו פראקלאמירן, די געוואלדיגע יסוד אז ה' האט באשאפן די וועלט פון גארנישט, נאר צוליב צושטעלן גליק און שמחה פאר די מענטשהייט. 'עולם חסד יבנה' - דאס איז די כוונה וואס 'עונג שבת' רופט אויס.

דערפאר אנשטאט פשוט זיך אויפשטעלן און אויסרופן פאר דיין משפחה אז ה' האט באשאפן די וועלט פון גארנישט. אנשטאט ארומפירן א חומש, און יעדער גאסט זאל פארליינען אפאר פסוקים פון פרשת בראשית, טיילן מיר אויס א פולע טאץ מיט געשמאקע עסנווארג. מיר מאכן נישט קידוש איבער א חומש. אפילו די צדיקים מאכן קידוש איבער א בעכער מיט וויין, נישט איבער א חומש. מיר זיצן ארום דעם טיש און טרינקען אביסל וויין - און ס'איז נישט קיין פראבלעם אויב ס'איז דא אויפן טיש נאך סארטן געטראנקען, ווי סאדע-וואסער אדער דזשוס - און ווען דו שלינגסט דאס אראפ, דעמאלטס טוהן די ריכטיגע ווערטער וואס מיר רעדן דערוועגן, זיך מער און מער אריין שווענקען, טיפער אין דיין מח. ווייל ווען מען קאמבינירט רוחניות מיט גשמיות, האט דאס א לענגערע און דויערהאפטיגער עפעקט.

## ווען א איד מאכט א סעודה

**און** דערפאר, שבת איז די צייט צו אויסרופן: ס'איז אלעס עונג! 'וקראת לשבת עונג'. מאך דאס פאר א טאג פון עונג, פון איינקריצן אין דיין מח אלע הנאות פונעם לעבן, וואס דו ביזט געווען צו פארנומען במשך די וואך ארייינצוקלערן דערין. דאס איז פארוואס ה' האט געגעבן דעם ספעציעלן טאג פאר דיר און נישט פאר די אנדערע פעלקער. ווען זיי נעמען זיך צוזאם ארום די טישן ביי א באנקעט, וועט מער שמועס'ן פאליטיק, ספארטס און עבודה זרה. און דערנאך זייער שנעל דאס אריבערפירן צו אום-איידעלע ווערטער. אבער דער עם ישראל איז נישט אזוי. מיר ווערן ערווארטעט צו נוצן אונזער צייט פון פארברענגען, און די פשוט'ע הנאות, דער עונג החיים, צו רעדן איבער השם, השם, און נאכאמאל השי"ת.

ס'איז א טאג פון דעמאנסטרירן די געוואלדיגע יסוד וואס דער אלמעכטיגער גאט האט אלעס באשאפן פאר אונז, די מקבלים פון זיין חסד, וואס מיר זענען זיינע געסט. ווען מיר זעצן זיך אראפ צום עונג שבת, און מיר האבן הנאה פון די חלה, די פיש, זופ און פלייש, און אלעס ארום, דורך די הנאה רופן מיר אויס דעם געוואלדיגן יסוד, אז דער ציל פון בריאת העולם, די סיבה פארוואס די וועלט איז באשאפן געווארן איז צוליב דעם אז די מענטשהייט זאל זיין גליקליך. מיר זענען באשאפן געווארן פאר עונג!

און עונג באדייט פאקטישע הנאה. ארייינגערעכנט דערין איז אביסל שלאף - איך זאג נישט אז דו זאלסט ארייינטאנצן אין דיינע שלאף-קליידער און ארייינקריכן אין בעט

פארן גאנצן נאכמיטאג, אבער שלאף איז אויך איינע פון די געוואלדיגע הנאות מיט וואס השי"ת האט באשאנקען די מענטשהייט - און גוטע עסנווארג, און אלע פארמען פון תענוגים און מעדנים - זיס-ווארג צו קייען און הנאה האבן. נישט דוקא רוחניות'דיגע זאכן. און מיר טוהן דאס אלעס כדי אהיימצוברענגען צו אונזערע געדאנקען די געוואלדיגע אמת אז השי"ת האט באשאפן די וועלט 'מאין', פון גארנישט, און דאס איז כדי מיר זאלן האבן די מעגליכקייט צו הנאה האבן פון זיין חסד. און דורך די כוונה פון די אלע הנאות וואס ער האט אונז געשאנקען, ווערן מיר מער און מער באוואוסטזיניג מיט אים.

זאלסט נאר נישט פארגעסן די רוחניות ! דו קענסט נישט פארגעסן וואס ס'איז די צוועק פון די פלייש. בשעת דו עסט און האסט הנאה פון די שיינקייט פונעם שבת, דערמאנסטו דיין משפחה, "עטץ זעהעסט וואס הקב"ה האט באשאפן פאר אונז ?! און די געשמאקע שטיקל פלייש וואס די מאמע האט אונז געקאכט, דאס איז א סימבאל פונעם וועלט-באשאף. ווייל מיר זענען אלע געסט ביים באנקעט פון השי"ת, און הקב"ה איז אונזער גאסט-געבער, און ער איז אונז משפיע מיט אלע גוטע זאכן". אויב וועסטו זיין צו פויל, אדער אין פארלעגנהייט צו ערפילן דיין פליכט אויף דער וועלט מיטן זאגן די ווערטער פאר דיין פאמיליע, כאטש זאלסטו זיצן ביים שבת טיש, און לערנען די יסודות פאר זיך אליין. כאטש זאל איינער פראקטיצירן דעם שבת ווי עס דארף צו זיין.

## לונגען איז נישט ביליג

**ס'איז** נישט נאר די עסנווארג. די געשמאקע עסן איז געמאכט דיר צו דערהייבן זאלסט איינזעהן די אלע גוטס וואס השי"ת שטעלט דיר צו. איז דען דאס אלעס וואס השם האט דיר געגעבן? א שטיקל פלייש און געפילטע פיש?! זיכער נישט! נישט נאר גוטע עסן געט ער דיר, נאר ער געט דיר אויך גוטע לופט צו אטעמען, גוטע וואסער צו טרינקען, און קליידונג. אזוי אויך געט ער דיר די נירן, ווי אויך א הארץ. און ער געט דיר די לונגען.

לונגען! שטעל די פאר דו דארפסט ווען ארויסגיין צו קויפן לונגען. לאמיר זאגן אז דיינע לונגען זענען אפגענוצט געווארן, און זענען גרייט פאר א טויש. ס'וואלט דיר געקאסט א שיינע סכום. ס'וואלט געווען א טייערע עקספענס, ווייל לונגען זענען טייער. ס'איז נישט ביליג דאס צו איבערטוישן צו נייע. וואלסט געדארפט פארקויפן דיין הויז. ס'איז נישט קיין ספק אז דאס וואלסטו געדארפט טוהן. וואלסט געדארפט פארקויפן דיינע הויזן! וואלסט ארויס געגאנגען פונעם לונגען-סטאר אינגאנצן נאקעט, אבער פרייליך צו האלטן אין די הענט א סעט פון לונגען. ס'ווערד אלע געלטער.

און הקב"ה האט דיר געגעבן די לונגען! און ער לאזט דיר האלטן דיינע הויזן פונקט אזוי! און ער איז דיר משפיע נאך פיל אנדערע זאכן. ביסט א מאגאזין פון וויכטיגע זאכן וואס דו נעמסט מיט דיר איבעראל. דו וואלסט ווען נישט געקענט הנאה האבן פון די טשיקן-זופ און טשאלענט, און אלע אנדערע עסן וואס דיין ווייב גרייט צו שטייענדיג אין

די הייסע קאך, ווען דו האסט ווען נישט קיין לעבער, מילצן, נירן אדער א מח.

## א פארהער ביי די סעודה

**יעצט** קומען מיר צו די ריכטיגע פראבלעם וואס קלאפט אין פנים אום שבת. ווייל דו טראכסט נאר אריין איבער די פיש און חריין, דו זינגסט דעם י-ה רבון און אלע אנדערע הערליכע ניגונים, אבער דו געסט נישט אוועק פון דיין צייט צו אריינטראכטן איבער דעם געוואלדיגן מטרה. השי"ת באוויזט זיך צו דיר! ער פרובירט צו באקומען דיין אויפמערקזאמקייט. צום ערשט גיסט ער אריין אפאר טראפן וויין אין דיין האלז, אבער דו ביסט צו ביזי צו טראכטן פונקטליך וויפיל ווערטער ס'איז דא אין די ברכה פון קידוש. דעריבער פרובירט ער נאכאמאל מיט די חלה, און דו זיצט ביים טיש צו דיסקוטירן וועלכע בעקערי עס באקט די בעסטע חלה. השי"ת טוט דאס בעסטע דיר צו ווייזן זיין וועלט פון חסד, אבער דו ביסט פארנומען צו שטארק-דאס צו דערהערן. אבער ער געט נישט אויף. ער פרובירט נאכאמאל מיט די פיש, און די זופ, די פלייש, קוגל און ביי די קאמפאט.

און אויב קלערסטו נישט אריין אין די געדאנקען בשעת דו האסט הנאה פונעם שבת, כאטש דאס אליין איז אויך עפעס, אבער דאס קען נאכנישט ווערן אנגערופן 'מענג את השבת'. ווייל ווען מיר זעצן זיך אראפ צו די סעודה אום שבת, זענען מיר ערווארטעט צו טוהן מער ווי א ליידיגע פלאטשיגע עונג שבת און כבוד שבת. השי"ת ווארט ארויס פון אונז מער ווי סתם זינגען אפאר ניגונים און זיך אנפילן אונזער מאגן. השי"ת ערווארט פון אונז צו ארויסנעמען פיל מער ווי דעם, פון די הנאה פונעם שבת. ער וויל מיר זאל אויסנוצן דעם טאג צו דעמאנסטרירן אז הקב"ה האט באשאפן די וועלט, כדי מיר זאלן ווערן מער און מער באוואוסטזיניג פון זיין גוטסקייט, און דערביי טראכטן איבער אים, און אים ליב האבן, במשך אונזער גאנצן לעבן.

יעצט ווען די גמרא זאגט אונז '**כל המענג את השבת נותנים לו נחלה בלי מצרים**' (שבת קי"ח.) איז דאס א צוזאג וואס אפילו די פלארידע ריעל-עסטעיט מאגנאטן קענען דיר דאס נישט צוזאגן. אפילו זיי זאלן דיר פארקויפן א פאלאץ אויפן הימל, ווי זיי טוהן אפטמאל. און אפילו די הימל איז באגרעניצט. אבער דא ווערן מיר געזאגט אז דאס גייט זיין א נחלה אן קיין גרעניצן. דארפן מיר פארשטיין אז דאס ווערט נישט געגעבן אומזינסט. 'כל המענג את השבת', מיינט נישט זיך אנפילן דעם מאגן מיט וואס מער דעליקאטעסן עס איז נאר מעגליך. צו הנאה האבן פונעם שבת אויפן דער וועג וואס השי"ת וויל פון דיר, באדייט אז דו זאלסט אנפילן דיינע געדאנקען מיט די אלע דעליקאטעסן. נאר כדי אנצוקומען דערצו איז דאס דורך דיין מאגן.

איז דו זעצט זיך אראפ פרייטאג צו נאכטס צו עסן א פארציע פיש. שטייסטו פאר א גרויסע פארהער. וועסטו עסן דיין פיש פונקט ווי א ים-לייב עסט פיש ? אדער וועסטו זיכער מאכן דאס צו עסן מיט די ריכטיגע כוונה, און אויף דעם וועג וועט דאס זיין א

מורא'דיגע סוקסעס. קענסט זיך נישט פארשטעלן וואס פאר א שלימות דאס איז!

**למעשה...** **ווען** דו וואשט דיר די הענט, און דו נעמסט דעם ערשטן שטיקל אין דיין מויל, און דו האסט דערפון הנאה, זאלסטו צולייגן דעם געדאנק, "ה' מאכט מיר פרייליך. דעריבער האט השי"ת באשאפן די וועלט, כדי איך זאל קענען ווערן מער און מער איבערצייגט אין אים, דורך זיין ענדלאזע חסד וואס ער איז משפיע אויף אונז שטענדיג". דאס איז דער צוועק פונעם ערשטן שטיקל ביסן - ס'איז אן אויסרוף איבער'ן צוועק פונעם מענטשהייט!

דער סוקסעספולער מענטש קלערט אז ער צוקייעט די עסן, "די גאנצע וועלט איז נאר א באנקעט-האל, אין וועלכען מיר זענען די געסט. הקב"ה איז חפץ חסד, ער וויל טוהן גוטס, און ער לאדענט אונז אלע איין אינעם זאהל". ווי מער מיר קענען ארויס ברענגען איבער השי"ת אז ער שטרעבט, ער וויל האבן אויף וועמען משפיע צו זיין חסד. דאס איז געווען דער ציל פון די 'בריאה יש מאין'. דאס איז דער צוועק פונעם 'ויכולו השמים והארץ וכל צבאם'. ס'איז נישטא נאך א סיבה. און דאס איז אזא וויכטיגע לערע, אז אויב פארשטייסטו דאס נישט, פארשטייסטו נישט דעם יסוד פון אידישקייט. דאס איז די הארץ פון די תורה - אז השי"ת איז דער קוואל פון די גאנצע גוטס, און ער האט באשאפן דעם מענטש פאר דעם צוועק, פולקאם פאר דעם ציל, צו קענען משפיע זיין אויף אים זיין גוטס.

און אויב קלערסטו אריין דערין ביים צווייטן שטיקל אויך, ביסטו שוין א גרויסארטיגער מענטש. דו ביסט אחד מיני אלף, איינס פון טויזענט. און אויב האסטו די מעגליכקייט דאס אנצוהאלטן און טראכטן די געדאנקען, במשך דעם ערשטן פארציע, און דערנאך ביים צווייטן פארציע, און האלטסט אן אויף דעם וועג ביז צו די קאמפאט ביים סוף פונעם סעודה, ביסטו א מענטש וואס פארשטייט זיין פליכט אויף דער וועלט. און דאס איז א מענטש וואס וועט זיין גרייט צו קענען נהנה זיין פון די אייביגע הנאה אויף יענער וועלט.

און מיר זיצן ביים שבת טיש, און מיר לערנען אדורך דעם געוואלדיגן יסוד אז דער לעבן איז זיס. ס'איז נישט קיין ספק אז דער לעבן איז זיס. יעדער טייל אינעם לעבן איז זיס. און ס'מאכט זיך אמאל אז עפעס גייט נישט ריכטיג פאר א מאמענט, אבער מיר רעדן דא פון די געווענליכע סדר, דער וועג וואס עס איז געווען איסגעפלאנט פון אנפאנג. דער לעבן איז פול מיט תענוג. עונג! עונג איז דער טעמע פונעם לעבן.

**די 'נשמה יתירה'** **שבת** איז א טאג וואס איז דאס מערסטע פאסיג צו די געוואלדיגע לערע פון די גאנצע אמת אינעם לעבן, און דער טאג וואס איז דאס מערסטע פאסיג צו דערגרייכן דערהויבנקייט. און דערמיט, קומען מיר צוריק צו די 'מתנה גנוזה', די מתנה פונעם שבת וואס הקב"ה האט געזאגט פאר משה רבינו אז דאס איז

באהאלטן געווארן אינעם שאץ-קאמער פארן אידישן פאלק. און די גמרא פארציילט אונז אז השי"ת האט געהייסן משה רבינו ער זאל דאס גיין אויסלערנען פארן אידישן פאלק, דער סוד פון דעם געוואלדיגן טאג. איז משה רבינו געקומען צו דעם אידישן פאלק און זיי געזאגט, על פי ה', אז שבת איז א צייט וואס יעדער איד באקומט א נשמה יתירה. דיין וואכעדיגע נשמה קען אנקומען צו א זייער גרויסע סכום פון דערגרייכונג. די נשמה קען אסאך אויפטוהן, זונטאג, מאנטאג דינסטאג מיטוואך דאנערשטאג און פרייטאג - נישט קיין שום ספק אז דיין נשמה קען דיר דערהייבן צו א גרויסקייט. פארשטייט זיך אז דו דארפסט לערנען וויאזוי אנצוקומען דערצו. דו דארפסט נוצן די ריכטיגע מעטאדן. ס'איז נישט קיין מיסטישקייט - ס'איז גארנישט דא קיין מיסטישע כוחות אין דעם - אבער עס דארף האבן געוויסע טרעניררונגען. מ'דארף אנווענדן די כוחות און זיך אוועקגעבן דערפאר. אבער ס'איז זיכער מעגליך. מענטשן זענען שוין געווארן געוואלדיג דורכאויס די וואכן-טעג.

אבער אום שבת איז דא א 'נשמה יתירה'. הקב"ה געט אריין א ספעציעלע רוחניות'דיגע רוח אין די נשמה. און אין דעם געוואלדיגן טאג, ווען דו זיצט אין די 'משכן' פונעם 'שבת', האסטו די מעגליכקייט פון א געוואלדיגע סכום פון דערגרייכונג - מער ווי סתם אן אנדערע טאג פון די וואך. און דערפאר, האט ה' געהייסן פאר משה רבינו צו זאגן פארן אידישן פאלק. 'אמור להם מתנה טובה יש לי בבית גנזי ושבת שמה' - "לאז זיי וויסן אז איך האב א ספעציעלע מתנה פאר זיי, און דאס איז דער סוד פונעם נשמה יתירה, וואס איך געב זיי אום שבת".

און דאס איז פארוואס ה' האט אויסדרוקליך געוואלט אז משה זאל גיין איינמעלדן פאר זיי איבערן געוואלדיגע מתנה. לך והודיעם! "גיי זאג פאר זיי! ווייל מיר מוזן פארשטיין איבער אונזערע מעגליכקייטן אין דעם טאג פון 'ויכולו השמים והארץ'. מיר דארפן ווערן אויפמערקזאם דערויף, אז מיר האבן די מעגליכקייט אום שבת מיט אונזער נשמה יתירה צו ווערן דערהויבן. און וויבאלד די געדאנקען וואס מיר האבן דא גערעדט היינט נאכט זענען נישט קיין גרינגע, און מען מוז דערויף אוועקגעגעבן און אנווענדן די מחשבה. אבער די דערגרייכונג, וואס מיר האבן די מעגליכקייט דערצו, דאס שלימות וואס יעדער קען אנקומען אום שבת, מאכט דאס מער ווי ווערדפול. און דערפאר, אז מיר באקומען די נשמה יתירה אלץ מתנה פון ה', כדי מיר זאלן קענען אויסנוצן צום בעסטן די געוואלדיגע מתנה, דער שבת. און יעצט אז מיר האבן אראפגעלייגט דעם וועג אנצוקומען צום שלימות וואס שבת ברענגט, קענען מיר אויסנוצן דעם טאג צו איר פולע מאס, און זאלסט שטענדיג זיין דאנקבאר צו דעם וואס האט דיר געגעבן דעם געוואלדיגן מתנה פון שבת.

בעת **שמחה** ווען איר ווילט ארויסוויזן
אייער **הכרת הטוב** פאר השי"ת

אדער ווען איר נוטיגט זיך אין א **ישועה**

ניצט אויס די כח פון **מזכה זיין**
און טוהן **חסד** מיט הונדערטער אידן
אריינצוברענגען אין זיי **חיות** און **דעת**

צו מנדב זיין "תורת אביגדור" רופט:

**845-213-7571**

לויט וויפיל געלט אזויפיל קאפיס קענען מיר מאכן

# בליץ קאמפיין להרחבת הקונטרס:

# ויקהל-פקודי, ויקרא תש"פ

80 אידן געבן $100.00 קענען מיר בעזהש"י אהער
שטעלן יעדע וואך א פארברייטערטע קונטרס

**רופט שוין 845-213-7571**

## צו באשטעלן ביי אונז
## קונטרסים גליונות פאר:

שבת באווארפן / שבת שבע ברכות,
שבת התוועדות, אא"וו.

מיט די תפילות, קריאת התורה,
זמירות און ברהמ"ז

**לויט אייער פארלאנג,**

פארבינדט אייך מיט אונז ווי פריער אין וואך

**615.680.9029**

gilyonosshabbos@gmail.com




**ליינט די גליון יעדע וואך אין די קונטרס "גליונות לשב"ק",**

# מעג מען טון א מצוה כדי צו באקומען שכר?

## שאלה:

**איך האב געזען שטיין אין א ספר אז מיר דארפן דינען השי"ת שלא על מנת לקבל פרס. וואס זאל אבער טון איינער וואס ער פילט אז ער טוט יא די מצוות בלויז כדי צו באקומען דערויף שכר?**

## תשובה:

עס שטייט (אבות א, ג) "**אל תהיו כעבדים המשמשים את הרב על מנת לקבל פרס**" - איר זאלט נישט זיין ווי קנעכט וואס באדינען דעם האר כדי צו באקומען שכר - איז נישט דער פשט, אז מען זאל נישט טון מצוות צו באקומען שכר. ס'איז א גרויסער טעות זיך צוצוהערן דערצו. די אמת'ע כוונה איז: זאלסט נישט דינען השי"ת **נאר** מיט'ן ציל צו באקומען שכר. דאס זאל נישט זיין אייער איינציגער ציל ווען איר טוט מצוות, ווען איר דינט השי"ת. איר דארפט צולייגן א מחשבה: איך דין דיך, השי"ת, ווייל איך בין עס דיר שולדיג צוליב אלעם וואס דו האסט געטון פאר מיר.

**יעדנפאלס**, זאלט איר אלעמאל טון מצוות, אפילו אויב איר ווילט באקומען שכר דערויף. און עס איז ריכטיג: איר וועט באקומען דערויף א גרויסן שכר. עס איז באמת זייער א גוטע אינוועסטירונג.

**שאלות און תשובות**
מיט
**ר' אביגדור מיללער זצ"ל**

**ער** זאל ממשיך זיין צו טון נאך מצוות, און נאך, און נאך. ס'איז א גוטע, גאר א גוטע אינוועסטירונג, בלי ספק. איר דארפט אבער וויסן, אז צוזאמען מיט דער אינוועסטירונג, ארבעט איר אויך אויף זיך. עס טוישט אייער מהות.

**דאס** איז וואס הקב"ה וויל פון אייך. "**קדושים תהיו**" איז א כלליות'דיגע מצוה, וואס איז נוגע צו אלעם וואס איר טוט. וואס מער מצוות איר טוט, אלץ הייליגער ווערט איר. אייער מהות ענדערט זיך לטובה, און איר ווערט שלימות'דיגער. יעדעס מאל וואס איר טוט א מצוה, גייט איר אין די דרכים פון השי"ת. "**והלכת בדרכיו**", זאלסט נאכטון דעם באשעפער דורך דעם וואס דו גייסט אין זיינע וועגן. וואס מער איר גייט אין זיינע וועגן, ווערט איר אלץ בעסער.

**קיינער** זאגט נישט אז איר זאלט אויפהערן טון מצוות מיט'ן ציל צו באקומען שכר. ווען

**זכות הרחבת הקונטרס לפ' ויקהל פקודי**
נתנדב ע"י הרה"ג ר' יקותיאל יהודה טייטלבוים שליט"א
לרגל הולדת בתו שתחי'
זכות הרבים יעמוד לו לרוות רב נחת דקדושה כה"י


מהדורת אחת שאלתי
כל הזכיות שמורות